בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת תצוה - זכור
שנת תשפ"ו

גליון
קמ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## - מַאךְ אַ מַצָּב -

### מַאכְן אַ מַצָּב אוּן אַ וִוינְט אַרוּם דֶעם בַּאלוֹינוּנְג

וֶוען דִי וֶועטֶער בַּארִיכְטְן מֶעלְדְן דֶעם גְרַאד נוּמֶער אִין דִי קַאלְטֶע וִוינְטֶער טֶעג, זָאגְן זֵיי אַלֶעמָאל דֶעם עֶכְטְן נוּמֶער כְּדֵי אַרוֹיסְצוּגֶעבְן וִוי קַאלְט עֶס אִיז בֶּאֱמֶת אִינְדְרוֹיסְן, דֶערְנָאךְ לֵייגְן זֵיי צוּמָאל צוּ אַז לְמַעֲשֶׂה שְׁפִּירְט זִיךְ פִּיל קֶעלְטֶער. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אוֹיבּ דִי עֶכְטֶע נוּמֶער אִיז צֶען גְרַאד, קֶען עֶס לְמַעֲשֶׂה שְׁפִּירְן וִוי עֶס אִיז אוּנְטֶער אֵיינְס.

וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דָאס טַאקֶע? אוֹיבּ דִי מֶעסְטֶער וַוייזְט צֶען גְרַאד, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן גָאר אַן אַנְדֶערֶע נוּמֶער? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, דִי וִוינְט מַאכְט עֶס שְׁפִּירְן פִּיל קֶעלְטֶער. דֶער וִוינְט טוֹישְׁט נִישְׁט דִי עֶכְטֶע טֶעמְפֶּערַאטוּר פוּן דִי לוּפְט, דֶער מֶעסְטֶער וֶועט ווייטֶער וַוייזְן צֶען גְרַאד, אָבֶער עֶס טוֹישְׁט דֶעם אוֹפָן וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשְׁלִיכְן קֶערְפֶּער זָאל שְׁפִּירְן דִי קֶעלְט.

אִין דֶעם וֶועטֶער בַּארִיכְט לִיגְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִימוּד פַאר מְחַנְּכִים, וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן קִינְדֶער שְׁפִּירְן אַז זֵיי פַארְמָאגְן דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן. מֶען דַארְף נִישְׁט טֵיילְן קַיין רִיזִיגֶע אָדֶער אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶע מַתָּנוֹת פַאר קִינְדֶער, מֶען קֶען גֶעבְּן גָאר פָּשׁוּטְ'עֶ מַתָּנוֹת אוּן קְלֵיינֶע זַאכְן, אָבֶער אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט עֶס מִיט דֶעם רִיכְטִיגְן מַצָּב אוּן דֶעם פַּאסִיגְן וִוינְט אַרוּם דֶעם בַּאלוֹינוּנְג, וֶועלְן דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן כְּאִילוּ זֵיי הָאבְּן יֶעצְט בַּאקוּמֶען דִי גְרֶעסְטֶע גְלִיק אוֹיף דֶער וֶועלְט.

### טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת אִיז נִישְׁט אֵייבִּיג אִינְטֶערֶעסַאנְט

לָאמִיר אָנְכַאפְּן עֶטְלִיכֶע בֵּיישְׁפִּילְן. וֶוען מֶען הֶערְט פוּן עֶלְטֶערְן אַז זֵייעֶר קִינְד פִּירְט זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר שֵׁיין אִינְדֶערְהֵיים, אָדֶער מֶען זֶעט וִוי אַ קִינְד הָאט עֶפֶּעס מְוַותֵּר גֶעוֶוען פַאר אַ צְוֵוייטְן, זָאל מֶען נִישְׁט סְתַם רוּפְן דֶעם קִינְד אוּן גֶעבְּן אַ קְנִיפּ אִין בֶּעקְל פַאר דִי שֵׁיינֶע אוֹיפְפִירוּנְג, נָאר מֶען זָאל מַאכְן דֶערְפוּן אַ שֵׁיינֶע מַצָּב, מֶען זָאל אוֹיסְרִימֶען דֶעם קִינְד אִין פָּארְנְט פוּן דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, אַז דָאס קִינְד זָאל שְׁפִּירְן אַזוֹי גוּט בַּיי זִיךְ אוּן דָאס זָאל שְׁטוּפְּן דֶעם קִינְד אוֹיף וַוייטֶער אָנְצוּהַאלְטְן דִי גוּטֶע אוֹיפְפִירוּנְג אוּן גוּטֶע מִדּוֹת.

צְוֵויי מְחַנְּכִים קֶענֶען אוֹיסְרוּפְן אִין כִּתָּה: **"וֶוער עֶס וֶועט הַיינְט לֶערְנֶען פְלַייסִיג, גֵייט בַּאקוּמֶען אַ קַארְטְל פוּן אַ פְּרָאגְרַאם, אָדֶער אַ גוּטֶע עֶסְן"**, בַּיי אֵיינֶעם וֶועלְן דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן וִוי מֶען גֶעבְּט זֵיי אַ קְלֵיינִיקֵייט - פָּשׁוּט כְּדֵי יוֹצֵא צוּ זַיין, אָבֶער בַּיים צְוֵוייטְן וָואס מַאכְט פוּן דֶעם אַ וִוינְט אוּן אַ הֶערְלִיכֶע מַצָּב - וֶועלְן דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן וִוי מֶען הָאט זֵיי גֶעגֶעבְן עֶפֶּעס אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיךְ.

אֵיידֶער מֶען ווִיל בַּאלוֹינֶען דִי קִינְדֶער מִיט מַתָּנוֹת אָדֶער זֵיי נֶעמֶען אוֹיף אַן אוֹיסְפְלוּג, דַארְף מֶען פַארְדֶעם מַאכְן אַ וִוינְט, אַ מַצָּב. סְתַם אוֹיסְטֵיילְן טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר קִינְדֶער אָן זֵיי אָנְרֵייצְן פוּן פְרִיעֶר - אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט; עֶס הָאט דֶעם זֶעלְבְּן פָּנִים וִוי אַ זֵיידֶע וָואס קוֹיפְט פַאר זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ טֵייעֶרֶע אֲפִיקוֹמָן מַתָּנוֹת וָואס קָאסְט אַפָּאר הוּנְדֶערְט דָאלֶער, אָבֶער דִי קִינְדֶער זֶענֶען עֶס אֲפִילוּ נִישְׁט גֶענוּג מַחְשִׁיב, וַוייל עֶס פֶעלְט דֶער וִוינְט אוּן עֶרְוַוארְטוּנְג צוּ דֶעם. מֶען דַארְף רֶעדְן דֶערְפוּן אַפָּאר וָואכְן פְרִיעֶר וִוי גֶעשְׁמַאק דִי מַתָּנָה גֵייט זַיין אוּן וִוי מֶעכְטִיג דֶער אוֹיסְפְלוּג גֵייט זַיין, בִּיז דִי קִינְדֶער וֶועלְן שְׁפִּירְן כְּאִילוּ מֶען הָאט זֵיי גֶענוּמֶען צוּ דִי לְבָנָה...

אַזוֹי אוֹיךְ, אֵיידֶער אַ מְלַמֵּד הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אַ נֵייעֶ לִימוּד, רַשִׁ"י אָדֶער מִשְׁנַיוֹת וְכַדוֹמֶה, אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל בְּלוֹיז אַיינְמֶעלְדְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"מֶען גֵייט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען רַשִׁ"י"**, **"מֶען גֵייט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת"**, זָאל עֶר מַאכְן פוּן דֶעם אַ וִוינְט, אַ מַצָּב, עֶר זָאל שׁוֹין עֶטְלִיכֶע וָואכְן פַארְדֶעם אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער וִוי דֶערְהוֹיבְּן אוּן פְרֵיילִיךְ עֶס אִיז צוּ לֶערְנֶען רַשִׁ"י אוּן מִשְׁנַיוֹת, כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁפִּירְן אַז זֵיי זֶענֶען דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

### וָואס אִיז דֶער סוֹד פוּן אַ גוּטֶער מְחַנֵּךְ?

מְחַנְּכִים פְרֶעגְן: **"וָואס אִיז דֶער סוֹד פוּן אַ גוּטֶער מְחַנֵּךְ?"** דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: דֶער סוֹד פוּן אַ גוּטֶער מְחַנֵּךְ אִיז אַז מֶען הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער. דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס קֵיינֶער קֶען נִישְׁט ווִיסְן - אוֹיסֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דֶער מְחַנֵּךְ אַלֵיין.

אוֹיבּ מֶען הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער - קֶען מֶען מוֹרָא'דִיג מַצְלִיחַ זַיין. אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ דִי קִינְדֶער; מֶען קוּמְט בְּלוֹיז וַוייל מֶען זוּכְט אַ פַּרְנָסָה, אָדֶער בְּעֶצֶם וָואלְט מֶען מֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת, אָבֶער מֶען זוּכְט כָּבוֹד, מֶען ווִיל זַיין אַרוֹיפְגֶעקוּקְט אַלְס מְחַנֵּךְ, אָדֶער וַוייל מֶען קוּמְט פוּן אַ מִשְׁפָּחָה וואוּ מֶען מֶעג נָאר אַרְבֶּעטְן אִין אַ חָשׁוּבְ'עֶ אַרְבֶּעט, אָדֶער צוּלִיבּ אַנְדֶערֶע זַייטִיגֶע אִינְטֶערֶעסְן, - קֶען נִישְׁט זַיין קַיין הַצְלָחָה אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין הַצְלָחָה.

### וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן אַז אַ קִינְד זָאל אָנְנֶעמֶען מוּסָר?

מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין אַ קִינְד, מֶען דַארְף זָאגְן פַארְן קִינְד וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, אָבֶער דָאס קֶען נָאר גֶעטוּן וֶוערְן אוֹיבּ מֶען הָאט לִיבּ דָאס קִינְד.

אוֹיבּ מֶען הָאט לִיבּ אַ קִינְד - שְׁפִּירְט עֶס דָאס קִינְד, אוּן אוֹיטָאמַאטִישׁ וֶועט דָאס

קִינְד צוּרִיק לִיבּ הָאבְּן דֶעם מְחַנֵךְ; אֲפִילוּ אוֹיבּ דָאס קִינְד וֶועט נִישְׁט אַרוֹיסְוַוייזְן קַיין לִיבְּשַׁאפְט, נָאר מַאכְן אַן אָנְשְׁטֶעל פוּן נִישְׁט זַיין אִינְטֶערֶעסִירְט אִינֶעם מְחַנֵךְ, זָאל מֶען וויסְן אַז אִינֶעווייניג אִין הַארְץ הָאט דָאס קִינְד יָא אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם מְחַנֵךְ. ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): **"כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים"**, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁפִּיגְלְט זִיךְ אָפּ אִין וַואסֶער אַ פָּנִים אַנְטְקֶעגְן אַ פָּנִים, **"כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם"**, אַזוֹי אִיז דִי הַארְץ פוּן אֵיין מֶענְטְשׁ אַנְטְקֶעגְן דֶעם אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ; אוֹיבּ בַּיי אֵיינֶעם אִין הַארְץ אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט צוּ אַ צְוֵוייטְן - אִיז בַּיי יֶענֶעם אוֹיךְ דָא לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִים.

אֵיין מָאל אַ קִינְד הָאט לִיבּ דֶעם מְחַנֵךְ, וֶוערְט פְּלַאץ בַּיי אִים אִין הַארְץ אָנְצוּנֶעמֶען אַלֶעס וָואס דֶער מְחַנֵךְ וֶועט זָאגְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א): דֶער עִיקָר סִיבָּה פַארְוָואס עֶס וֶוערְן נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען דִי בַּקָשׁוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט פוּן אַ צְוֵוייטְן, אִיז וַוייל דִי וֶוערְטֶער הָאבְּן נִישְׁט קַיין חֵן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין לִיבְּשַׁאפְט, אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ אִין הַארְץ פַאר דִי בַּקָשׁוֹת וָואס יֶענֶער בֶּעט, אָבֶּער אוֹיבּ דִי וֶוערְטֶער הָאבְּן יָא חֵן, וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען אַלֶע זַיינֶע וֶוערְטֶער.

דָאס קֶען מֶען זֶען בִּמְצִיאוּת, וֶוען אֵיינֶער פְּרֶעגְט אַ צְוֵוייטְן: **"אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דוּ פָארְסְט הַיינְט דָארְט, אִיךְ קֶען אֶפְשָׁר מִיטְפָארְן?"** אוֹיבּ הָאט דֶער וָואס בֶּעט - חֵן, עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט, וֶועט יֶענֶער אִים טוּן דִי טוֹבָה אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהֶערִיג קַיין פְּלַאץ אִין קַאר, עֶר וֶועט שׁוֹין מַאכְן פְּלַאץ, וַוייל וֶוער עֶס הָאט חֵן - דֶעם ווִיל מֶען הֶעלְפְן, אוּן עֶר וֶועט אִים נָאךְ נָאכְלוֹיפְן אוּן זִיךְ אַיינְבֶּעטְן אַז יֶענֶער זָאל טַאקֶע מִיט קוּמֶען מִיט אִים, אָבֶּער אוֹיבּ דֶער וָואס בֶּעט הָאט נִישְׁט קַיין חֵן, וֶועט יֶענֶער אִים זָאגְן: **"אִיךְ וָואלְט דִיר בֶּאֱמֶת מִיטְגֶענוּמֶען, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פְּלַאץ..."**

עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז דָאס קִינְד גֵייט זִיךְ הַיינְט אִינְגַאנְצְן טוֹישְׁן אוּן זִיךְ גְלַייךְ פַארְבֶּעסֶערְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִישְׁט טוֹישְׁן אִין אֵיין טָאג; מִיר הָאבְּן אוֹיךְ זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן. אָבֶּער אוֹיבּ מֶען גֵייט רֶעדְן צוּם קִינְד פוּן דַאוֶוענֶען אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גוּטֶע מִדוֹת נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, גֵייעֶן דִי וֶוערְטֶער אַרַיין אִינֶעם קִינְד אוּן אֵיין טָאג וֶועט עֶס פּוֹעֵל'ן.

## פַארְוָואס הַאלְטְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי גְרוֹיס?

אַ מְלַמֵד הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט: **"ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ קִינְד וָואס אִיךְ וֶוער נֶערְוֶועז פוּן אִים?"** הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: דִי שְׁאֵלָה הֵייבְּט זִיךְ נִישְׁט אָן ווִי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט אִים גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, דִי שְׁאֵלָה הֵייבְּט זִיךְ אָן פְרִיעֶר: **"ווִי אַזוֹי קֶען מֶען בִּכְלַל מְחַנֵךְ זַיין אַ קִינְד וָואס מֶען וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן אִים?"** וַוייל אוֹיבּ אַ מְלַמֵד הָאט נִישְׁט לִיבּ אַ קִינְד, עֶר וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן אִים, קֶען עֶר אִים בִּכְלַל נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין.

אֵיינֶער וָואס וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן אַ קִינְד, דַארְף גֵיין אִין אַ זַייט אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַזַא בַּעל גַאֲוָה? פַארְוָואס בְּלָאז אִיךְ אַוֶועק דֶעם קִינְד וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי שַׁארְף אוּן עֶר פְרֶעגְט כְּסֵדֶר נַארִישֶׁע קַשְׁיוֹת, וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען דָאס וָואלְט גֶעוֶוען מַיין קִינְד?"**

**"וּבַמֶּה יִתְגָּאֶה לֵב הָאָדָם?"** מִיט וָואס קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ גְרוֹיס הַאלְטְן? - פְּרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ן אִין זַיין בְּרִיוו (אִגֶּרֶת הָרַמְבַּ"ן): **"אִם בְּעֹשֶׁר, ה' מוֹרִישׁ וּמַעֲשִׁיר"**, אוֹיבּ מִיט עֲשִׁירוּת, דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָאךְ דֶער וָואס מַאכְט אָרֶעם אוּן רַייךְ, **"וְאִם בְּכָבוֹד, הֲלֹא לֵאלֹקִים הוּא"**, אוּן אוֹיבּ מִיט כָּבוֹד, בַּאלַאנְגְט דָאס דָאךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"שֶׁנֶּאֱמַר: 'וְהָעֹשֶׁר וְהַכָּבוֹד מִלְּפָנֶיךָ'"**, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דִּבְרֵי הַיָּמִים א' כט, יב) 'וְהָעֹשֶׁר וְהַכָּבוֹד' - רַייכְקֵייט אוּן כָּבוֹד 'מִלְּפָנֶיךָ' - קוּמְט פוּן דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **"וְאֵיךְ מִתְפָּאֵר בִּכְבוֹד קוֹנוֹ?"** אִיז ווִי אַזוֹי קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ גְרוֹיסְן מִיט אַ זַאךְ וָואס גֶעהֶערְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן? **"וְאִם מִתְפָּאֵר בְּחָכְמָה"**, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ בַּארִימְט זִיךְ מִיט זַיין קְלוּגְשַׁאפְט, **"מֵסִיר שָׂפָה לְנֶאֱמָנִים, וְטַעַם זְקֵנִים יִקָּח"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען דָאךְ אִין אֵיין מִינוּט אַוֶועקְנֶעמֶען דָאס רֶעדְן פוּן אֵיינֶער וָואס קֶען גוּט רֶעדְן, אוּן דִי חָכְמָה פוּן עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן; עֶס אִיז דָאךְ אַ פַּחַד צוּ זֶען ווִי עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן פַארְלִירְן זֵייעֶר מֹחַ, זֵיי ווֵייסְן מֶער נִישְׁט וואוּ זֵיי זֶענֶען אוּן זֵיי פְרֶעגְן אִיבֶּער פָּשׁוּט'ע שְׁאֵלוֹת, אוּן זֵיי הֵייבְּן אָן צוּ רֶעדְן נַארִישֶׁע זַאכְן, אוֹיבּ אַזוֹי אִיז נִישְׁטָא מִיט וָואס זִיךְ צוּ הַאלְטְן גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אַוֶועק בְּלָאזְן אַ קִינְד וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי שַׁארְף ווִי דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער.

## אַ גֶעשְׁמַאק צוּם דַאוֶוענֶען מִיט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע חִידוֹת

מְחַנְכִים דַארְפְן אַרַיינְלֵייגְן כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל אוּן אַ גֶעשְׁמַאק צוּם דַאוֶוענֶען.

עֶס אִיז כְּדַאי מֶען זָאל יֶעדְן טָאג רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער עֶפֶּעס וֶועגְן דָאס דַאוֶוענֶען. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מְלַמְדִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מִיט אוּנְז דִי טַייטְשׁ פוּנֶעם דַאוֶוענֶען, אוּן אוֹיסֶער דֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע חִידוֹת פוּנֶעם דַאוֶוענֶען, דָאס הָאט אוּנְז אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ גֶעפִיל צוּם דַאוֶוענֶען, אוּן אִין אֵיינְוֶועגְס זֶענֶען מִיר גֶעוָוארְן אָנְגֶעפִילְט מִיט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע יְדִיעוֹת וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ דֶערְבַּיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל: וֶועלְכֶע שְׁטִיקְל פוּן דַאוֶוענֶען לוֹיפְט לוֹיטְן סֵדֶר פוּן דִי אַלֶף בֵּית, וֶועלְכֶע שְׁטִיקְל פוּן דַאוֶוענֶען לוֹיפְט לוֹיטְן סֵדֶר פוּן תשר"ק, וֶועלְכֶע שְׁטִיקְל פוּן דַאוֶוענֶען לוֹיפְט לוֹיטְן סֵדֶר פוּן דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם מְחַבֵּר פוּן דֶעם פִּיוּט.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מְלַמְדִים וָואס הָאבְּן אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט שְׁטִיקְלֶעךְ פוּנֶעם דַאוֶוענֶען אוֹיף אוֹיסְנְוֵוייניג, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִין צֶעטִיל קָטָן (סְעִיף יז): **"יֶעדֶעס מָאל וֶוען מֶען הָאט אַ לֵיידִיגֶע מִינוּט פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען זָאל מֶען זִיךְ אַיינְ'חַזֶרְ'ן אוֹיף אוֹיסְנְוֵוייניג קִידוּשׁ לְבָנָה, בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ, אוּן מוֹדִים דְרַבָּנָן"**. וַוייל אוֹיבּ מֶען חַזֶר'ט זִיךְ נִישְׁט אַיין יוּנְגֶערְהֵייט דִי שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן דַאוֶוענֶען, קֶען מֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן זִיךְ מוּטְשֶׁען עֶס צוּ זָאגְן רִיכְטִיג.

אֵיין מְלַמֵד הָאט גֶעמַאכְט אַ מַצָב מֶען זָאל צֵיילְן מִיט דִי פִינְגֶער דִי עֶלְף סַמְמָנִים פוּן דִי קְטֹרֶת.

אֲפִילוּ דִי קְנָסוֹת פוּן מַיינֶע מְלַמְדִים זֶענֶען צוּגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם אוֹפָן; אוֹיבּ אַ קִינְד הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, הָאט עֶר זִיךְ גֶעדַארְפְט פַארְהֶערְן 'מוֹדִים דְּרַבָּנָן' אָדֶער דִי בְּרַיְיתָא פוּן 'פִּטּוּם הַקְּטֹרֶת' אוֹיף אוֹיסְנְוֵוייניג.

עֶס זֶענֶען דָא מְחַנְכִים וָואס לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אִין אַ סֵפֶר אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען, אָבֶּער דָאס הָאט אַ חִסָרוֹן אַז בְּשַׁעַת מֶען לֶערְנְט אִין אַ סֵפֶר זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד מִיט צוּ הַאלְטְן, הֵייבְּן זֵיי אָן צוּ שֵׁיילְן דִי הָאלְץ פוּן דִי טִישׁ, אָדֶער מַאכְן זֵיי דֶעמָאלְט אַנְדֶערֶע שְׁפִּיצְלֶען אוּן זֵיי הַאלְטְן נִישְׁט מִיט וָואס מֶען לֶערְנְט, דֶערִיבֶּער אִיז כְּדַאי אוֹיךְ צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אוֹיסְנְוֵוייניג אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן שֵׁיינְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען.

## אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוּנְזֶער פְּלָאג אוּן מִי גֵייט אוֹיף הֵיילִיגֶע זַאכְן, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ; יֶעדֶער פְּלָאגְט זִיךְ אוּן יֶעדֶער גֵייט אַרִיבֶּער מִי, מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן דֶעם, נָאר וָואס דֶען? גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז אוּנְזֶער פְּלָאג אוּן מִי אִיז צוּ זִיצְן אוּן לֶערְנֶען

תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער. וֶוען מִיר וֶועלְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְזֶער פְּלָאג אוּן מִי אַ זֵכֶר, אַ שְׁאֵרִית לָנֶצַח, אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען מֶען פְּלָאגְט זִיךְ מִיט הַבְלֵי עוֹלָם הַזֶה, דַאן בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּן דִי פְּלָאג אוּן מִי.

אוֹיבּ מִיר וֶועלְן לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער אוּן מִיר וֶועלְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אֵיידֶער מֶען גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּ דִיר, אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין, הֶעלְף מִיר מַיינֶע וֶוערְטֶער זָאלְן אַרַיינְגֵיין אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן קִינְד אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן יֶעדְן קִינְד, עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹל פוּן מִיר, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף קֵיינֶעם"**, - וֶועלְן מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

...

## - יוֹם טוֹב פּוּרִים -

### אַ מְלַמֵּד דַארְף בַּאלֶעבְּן דִי יָמִים טוֹבִים

אַ מְלַמֵּד דַארְף אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע יָמִים טוֹבִים וָואס קוּמֶען. וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסָחִים ו.): **"שְׁלוֹשִׁים יוֹם קֹדֶם הַחַג שׁוֹאֲלִין וְדוֹרְשִׁין בְּהִלְכוֹת הֶחָג"**, פוּן דְרַייסִיג טֶעג פַאר יוֹם טוֹב דַארְף מֶען שׁוֹין רֶעדְן פוּן יוֹם טוֹב; דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען שׁוֹין אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים, אוּן גְלַייךְ נָאךְ פּוּרִים דַארְף מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן אַרַיין צוּ פְּרֶעגְלֶען אִין דִי קִינְדֶער דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח.

אַ מְלַמֵּד דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ חַיּוּת צוּ דִי הֵיילִיגֶע יָמִים טוֹבִים. עֶס אִיז בַּאקַאנְט דֶעם סִיפּוּר אַז אַ אִיד הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן רֶעדְט פוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַ פְּרֶעג: **"רֶבִּי נָתָן, וִוי נֶעמְט מֶען אַזַא הַארְץ? וִוי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אַזַא הַארְץ וָואס אִיר הָאט?"** הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: **"דוּ הָאסְט דִי זֶעלְבֶּע הַארְץ וִוי מִיר, דוּ דַארְפְסְט עֶס נָאר בַּאהַארְצְן..."** דָאס זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען טוּן מִיט דִי יָמִים טוֹבִים; אַלֶע הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע יָמִים טוֹבִים, מֶען דַארְף עֶס נָאר בַּא'יוֹם-טוֹב'ן; בַּא'פּוּרִים'עֶן אוּן בַּא'פֶּסַח'ן...

וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן דִי צַדִיקִים? זֵייעֶר נְקוּדָה אִיז גֶעוֶוען אַרַיינְצוּלֵייגְן אַ חַיּוּת אִין דִי מִצְוֹת. מֶען קֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים אַז עֶס זָאל אוֹיסְקוּקְן וִוי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער וָואכְן טָאג, מֶען שְׁטֵייט אוֹיף צוּפְרִי, מֶען דַאוֶוענְט, מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה, אוּן מֶען שִׁיקְט מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אוּן מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים אוּן שׁוֹין... אָבֶער דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן גֶעמַאכְט אַ מַצָּב פוּנֶעם יוֹם טוֹב, זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ, אוּן דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס וֶוערְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת וֶוען מִיר טוּעֶן דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בַּיי אַסַאךְ צַדִיקִים הָאט מֶען זִיךְ גֶעפִירְט אַז מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין תַּחֲנוּן פוּן י"א אֲדָר (עַיֵין סֵפֶר דַּרְכֵי חַיִּים וְשָׁלוֹם אוֹת קצא), מִיטְן צִיל צוּ בַּאלֶעבְּן דֶעם יוֹם טוֹב, דֶער יוֹם טוֹב זָאל נִישְׁט זַיין בַּאגְרֶענִיצְט נָאר צוּ אֵיין טָאג, עֶס זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן אוֹיף דִי אַרוּמִיגֶע טֶעג.

### אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען לֵיינְט אוּן וָואס מֶען הֶערְט

אַ מְלַמֵּד דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן וָואס צוּ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים. עֶר קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער מִיטְן פְּלַאן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין אָנְפִילְן דִי צַייט מִיטְן אִיבֶּערְזָאגְן וֶוערְטְלֶעךְ וָואס עֶר הָאט נֶעכְטְן גֶעהֶערְט אוֹיף דִי פּוּרִים אָפְּטֵיילוּנְגֶען פוּן דִי אִידִישֶׁע הַאטְלֵיינְס.

בִּכְלַל דַארְף אַ מְלַמֵּד זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס עֶר לֵיינְט אוּן וָואס עֶר הֶערְט, וַוייל וָואס מֶען לֵיינְט אוּן מֶען הֶערְט - דָאס קוּמְט נָאכְדֶעם אַרוֹיס וֶוען מֶען לֶערְנְט מִיט דִי תַּלְמִידִים. אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט פוּן וָואס עֶר טְרַאכְט, אוּן מֶען טְרַאכְט פוּן וָואס מֶען לֵיינְט אוּן הֶערְט, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ אוֹיסְהֶערְן דִי נֵייעֶס הַאטְלֵיינְס וָואס אִיז לֵיצָנוּת.

### דִי לִיבְּשַׁאפְט טָאר נִישְׁט זַיין אָפְּהֶענְגִיג אִין זַייטִיגֶע זַאכְן

עֶס קוּמְט בַּאלְד דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים, אַ צַייט וֶוען יֶעדֶער מְלַמֵּד קוּקְט אַרוֹיס מִיט פְּרֵייד אוֹיף דִי מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אוּן גֶעלְט מַתָּנוֹת וָואס דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן אִים שִׁיקְן. אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין אוֹיסְנַאם צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער; אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ קִינְד בְּרֶענְגְט גָארְנִישְׁט אוֹיף פּוּרִים - וַוייל זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אָדֶער וַוייל זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, אָדֶער זֵיי טְרַאכְטְן נִישְׁט אַרַיין וְכוּ', זָאל מֶען זִיךְ בַּאצִיעֶן צוּ אִים מִיט דִי זֶעלְבֶּע וַוארֶעמְקֵייט אוּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט וִוי צוּ דִי קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן שִׁיקְן יָא מַתָּנוֹת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.): עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן אַ פָּשׁוּטְ'ער אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד בֶּעטְן פַאר רֶעגְן, גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "**מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם**" הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַרְדַקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילּוּק פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט"**.

אַ מְלַמֵּד דַארְף בַּאהַאנְדְלֶען אַלֶע קִינְדֶער גְלַייךְ. עֶר זָאל שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן, אוּן יֶעדְן אוֹיסְרִימֶען, אוֹיסְוֶועלְן צוּ זַיין גַבְּאַי אוּן בַּאקוּמֶען אַ מֶעכְטִיגֶע פָּאזִיצִיעֶ אִין כִּתָּה.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין פוּן דִי עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן זִיךְ ווִיסְנְדִיג פוּנֶעם מְלַמֵּד לְכָבוֹד פּוּרִים, אוּן דֶער מְלַמֵּד דַארְף הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב צוּ אַזֶעלְכֶע עֶלְטֶערְן וָואס שִׁיקְן אִים שֵׁיינֶע מַתָּנוֹת, אָבֶער דִי וַוארֶעמְקֵייט צוּ דִי קִינְדֶער טָאר נִישְׁט זַיין אָפְּהֶענְגִיג אִין דֶעם.

### דִי עֵצָה פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק

אִין אָנְהֵייבּ וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ", הָאבְּן מִיר זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט צוּ בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים; מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ בּוּדְזְשֶׁעט פוּן הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער אַ יָאר, אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי מִיר וֶועלְן עֶס קֶענֶען בַּאצָאלְן. זֶענֶען מִיר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש, מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אוּן מִיר דַארְפְן אַ נֵס, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר גֶעזָאגְט: **"וָואס אִיז דַיין פְּרָאבְּלֶעם? טוּ דִי עֵצָה וָואס מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק הָאט גֶעטוּן; דוּ הָאסְט דָאךְ קִינְדֶער אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, נֶעם דִי קִינְדֶער אוּן זַיי מִתְפַּלֵל מִיט זֵיי!"**

וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (אֶסְתֵּר רַבָּה, ט, ד): וֶוען מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק הָאט גֶעזֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ גְזֵירָה אוֹיף דִי אִידְן, הָמָן ווִיל אוֹיסְ'הַרְגְ'עֶנֶען דִי אִידְן, הָאט עֶר צוּזַאמְגֶענוּמֶען צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, גֶעזוּנְגֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז דִי גְזֵירָה בָּטֵל גֶעוָוארְן.

אַגַב, פוּן דָא זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד, וַוייל אֲפִילוּ מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע אִין דִי סַנְהֶדְרִין (עַיֵין מְגִילָה יג:; פִּרְקֵי דְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר פֶּרֶק נ), אוּן עֶר הָאט גֶעקֶענְט אַלֶע שְׁפְּרַאכְן (שְׁקָלִים ה, א), מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט אִים גֶעפַּאסְט צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער.

## אַרוֹיסְוַוייזְן הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דִי מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת פוּן דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח׳ אֲדָר, שְׁנַת תשע״ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין וֵוייניגֶער וִוי אַ וָואךְ צוּ פּוּרִים, דַארְפְן מִיר זִיךְ אָנְגְרֵייטְן צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב.

מוֹהֲרָא״שׁ פְּלֶעגְט זָאגְן בֶּעפָאר יֶעדֶע יוֹם טוֹב, אַז פּוּנְקְט וִוי אַ בַּעַל הַבַּיִת גֶעט פַאר זַיינֶע אַרְבֶּעטֶער אַ בָּאנוּס לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, אַזוֹי דַארְפְן מִיר נֶעמֶען נָאךְ אַ שִׁיעוּר לְכָבוֹד יוֹם טוֹב אַלְס אַ בָּאנוּס; פַאר פּוּרִים אִיז כְּדֵי צוּ לֶערְנֶען מַסֶכֶת מְגִילָה, פַאר פֶּסַח מַסֶכֶת פְּסָחִים און אַזוֹי יֶעדֶע יוֹם טוֹב. עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע יוֹם טוֹב וֶוען מֶען לֶערְנְט פוּנֶעם יוֹם טוֹב, בִּפְרַט וֶוען מִיר גֵייעֶן הֶערְן לֵיינֶען דִי הֵיילִיגֶע מְגִילָה און אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט בֶּעפָאר דֶעם דִי גְמָרָא און מֶדְרָשׁ, אִיז עֶס אַן אַנְדֶערֶע מְגִילָה.

פַארְגֶעס נִישְׁט פוּן דַיינֶע קִינְדֶער און זֶע צוּ גֶעבְּן אַ טִיפּ פַאר זֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, טִיטְשֶׁערְס און בָּאס דְרַייוֶוערְס. קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן גֶעבְּן כְּסֵדֶר טִיפְּס פַאר אַלֶע וָואס טוּעֶן מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, בִּפְרַט פּוּרִים און חֲנוּכָּה; וַוייל וֶוען דֶער מְלַמֵּד אָדֶער טִיטְשֶׁער זֶעט אַז מֶען שֶׁעצְט און מֶען אַנֶערְקֶענְט זֵייעֶר אַרְבֶּעט, אַרְבֶּעטְן זֵיי מֶער מִיט הַארְץ.

עֶלְטֶערְן וָואלְטְן וֶוען גֶעדַארְפְט גֶעבְּן יֶעדְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אַ טִיפּ פַארְ׳ן מְלַמֵּד, וַוייל וֶוען אַ מְלַמֵּד זֶעט אַז דִי עֶלְטֶערְן אִינְטֶערֶעסִירְן זִיךְ אוֹיפְ׳ן קִינְד גֶעבְּט דֶער מְלַמֵּד מֶער אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם קִינְד. און פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען אַ מְלַמֵּד זֶעט אַז דֶער טַאטֶע מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג אַ גַאנְץ יָאר פוּנֶעם קִינְד, אִיז עֶר אוֹיךְ מְזַלְזֵל אִינֶעם קִינְד.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד יָארְן צוּרִיק און אִיךְ גֶעדֶענְק דִי הַרְגָּשָׁה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט אַ קִינְד און דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט אַ גַאנְץ יָאר פוּן מִיר; אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעדַארְפְט דֶעם טִיפּ, עֶס הָאט מִיר נָאר גֶעאַרְט ׳וואוּ אִיז דִי הַכָּרַת הַטּוֹב; אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט דַיין קִינְד, אִיךְ לֵייג אַרַיין אִין אִים מַיין הַארְץ און עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר נִישְׁט קַיין כִּי הוּא זֶה?!׳ דֶערְפַאר אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ צוּ שִׁיקְן מִיט דַיין קִינְד כְּסֵדֶר ׳מִצְוָה צֶעטְלֶעךְ׳ און צוּשְׁרַייבְּן אַפָּאר וַוארִימֶע וֶוערְטֶער פַארְ׳ן מְלַמֵּד. דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן שְׁרַייבְּן אִיז חָשׁוּבְ׳עֶר וִוי דֶער גְרֶעסְטֶער טִיפּ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֵייגְט אַרַיין זַיין בְּלוּט און שְׁוֵייס פַאר אַ צְוֵייטְן און יֶענֶער אִיז דָאס מַכִּיר – אִיז דָאס זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק און אַז נִישְׁט טוּט עֶס זֵייעֶר וֵויי.

מַאךְ זִיךְ אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר חֶשְׁבּוֹן: דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד דִי פָּאר שָׁעָה דוּרְכְאוֹיס שַׁבָּת צוּ זִיצְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אָדֶער וֶוען דַיין וַוייבּ בֶּעט דִיר אַז דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וַוייל זִי דַארְף אַרוֹיסְגֵיין וְכוּ׳, דֶעמָאלְט וֶוערְסְטוּ אַזוֹי נֶערְוֶועז, און דָא זִיצְט אַ מְלַמֵּד אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דַיין קִינְד און עֶר וֶוערְט נֶערְוֶועז, נִישְׁט נָאר מִיט אֵיין קִינְד נָאר מִיט אַ גַאנְצֶע כִּתָּה. וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן שְׁלָאגְן און אַוֶועק שְׁטוּפְן; וֶוען דוּ רֶעגְסְט זִיךְ אוֹיף שְׁלָאגְסְטוּ דַיין קִינְד און דוּ הָאסְט נִישְׁט מוֹרָא אַז אֵיינֶער וֶועט דִיר פָארְהַאלְטְן וְכוּ׳, אָבֶער דֶער מְלַמֵּד שְׁלָאגְט נִישְׁט, עַל כָּל פָּנִים דָא בַּיי אוּנְז שְׁלָאגְן נִישְׁט דִי מְלַמְּדִים, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט״, און וֶוען דֶער מְלַמֵּד שְׁפִּירְט אַז דֶער קִינְד נֶערְוִוירְט אִים קֶען עֶר גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און נָאכְאַמָאל וַוייזְן אַ שְׁמֵייכְל.

הַלְוַאי זָאלְן עֶלְטֶערְן זִיךְ צַאמֶנֶעמֶען און הֶעלְפְן דִי מְלַמְּדִים מֶען זָאל זֵיי קֶענֶען בַּאצָאלְן צַייטְלִיךְ און מֶען זָאל זֵיי קֶענֶען הֶעכֶערְן דִי גֶעהַאלְט, כְּדֵי דֶער מְלַמֵּד זָאל הָאבְּן אַבִּיסְל הַרְחָבַת הַדַּעַת, עֶר זָאל זַיין רוּאִיג אִין כִּתָּה מִיט דִי קִינְדֶער און נִישְׁט הָאבְּן קַיין דַאֲגָה אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז נִישְׁט דָא אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס מֶען לֵיינְט אִין דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ, אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן, אִיךְ זָאג דִיר אַז הַיינְט זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט דִי פָּאר דָאלֶער צוּ אַיינְקוֹיפְן פַאר שַׁבָּת.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מִיר זֶענֶען דוּרְךְ דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר יָאר; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין פְּרוּטָה צוּ צָאלְן פַאר דִי מְלַמְּדִים און יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת פְּלֶעגְן זֵיי קוּמֶען אִין אָפִיס מִיר גְרִיסְן גוּט שַׁבָּת, זֵיי הָאבְּן גֶעוִויסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין דָאלֶער אִין דִי יְשִׁיבָה קַאסֶע, נָאר אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן זֵייעֶר עֶרְלִיכֶע און אֵיידֶעלֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעבֶּעטְן קַיין גֶעלְט פוּן מִיר, אָבֶער וֶוען זֵיי פְּלֶעגְן מִיר קוּמֶען גְרִיסְן ׳גוּט שַׁבָּת׳ פְּלֶעג אִיךְ רוֹיט וֶוערְן פַאר בּוּשָׁה יֶעדֶע וָואךְ. אִיךְ פְּלֶעג מִיךְ בַּאהַאלְטְן פְרַייטָאג וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּקְן אִין פָּנִים פַאר בּוּשָׁה, אִיךְ פְּלֶעג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זֵיי קֶענֶען בַּאצָאלְן.

דֶערְפַאר אַז מֶען שִׁיקְט אַ מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פַאר דֶעם מְלַמֵּד און פַאר דִי טִיטְשֶׁער, פַארְ׳ן מְנַהֵל און פַאר דִי מְנַהֶלֶת און מֶען שִׁיקְט אַן הַכָּרַת הַטּוֹב בְּרִיוו מִיט אַ טִיפּ, אִיז אַ סִימָן אַז דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ מַתָּנָה דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַז מִיר הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ מִיר קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט; דִי קִינְדֶער קוּמֶען אִין חֵדֶר מִיט אַ שִׂמְחָה, מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה און מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, דִי מְלַמְּדִים און טִיטְשֶׁערְס זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער; מֶען רַייסְט נִישְׁט אוּנְטֶער און מֶען טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט דִי קִינְדֶער.

שְׁטַארְק דִיךְ און הָאבּ הַצְלָחָה.

...

(ספר איש יהודי, מכתב יט)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com


קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876